# סצענע 10 א'
## Escena 10 A

### מאָטל און רייזל אין זאָאָלאָגישן גאָרטן
### En el Zoológico

מאָטל - וואָס ווילסטו מיר זאָלן הײַנט טאָן, רייזעלע? גיין אין קינאָ, אין טעאַטער, אפֿשר אין אַ מוזיי ?

רייזל - איך וויל גיין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. שוין אַ לאַנגע צײַט וואָס איך בין דאָרט נישט געווען. מיט מײַן אַרבעט אין אוניווערסיטעט בין איך פֿאַרנומען אַפֿילו זונטיק.

מאָטל - טאָ לאָמיר גיין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. אפֿשר וועלן מיר נאָך דעם גיין עסן אַ לאָדע.

רייזל - אַ גוטע אידעע מאָטל. לאָמיר גיין.

רייזל - מאָטל, איך בין אַזוי צופֿרידן דאָ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן...

מאָטל - וועלכע חיות געפֿעלן דיר ?

רייזל - די זעברע און די זשיראַפֿן. קוק אויף דעם זשיראַפֿס האַלדז. אַזוי לאַנג...

מאָטל - יאָ מער ווי אַ מעטער לאַנג!

רייזל - און דער בער, קוק: אַ ווײַסער און אַ שוואַרצער.

מאָטל - דער ווײַסער וועגט מערער, ער איז אַ סך גרעסער. עפּעס אַ הונדערט און צוואַנציק קילאָ מער ווי דער שוואַרצער.

רייזל - גרעסער אָדער קלענער, גרעבער אָדער דאַרער... ביידע זײַנען שיין. קוק מאָטל, אַזוי פֿיל מאַלפּעס!

מאָטל - איך מיין אַז עס זײַנען דאָ איבער צוואַנציק-דרײַסיק פֿאַר-שיידענע מאַלפּעס: שוואַרצע, ברוינע, געלע...

רייזל - דאָ זײַנען דאָ פֿייגעלעך פֿון אַזוי פֿיל קאָלירן. דו מיינסט אַז אַז עס זײַנען דאָ קאַטשקעס אַרום???

| | |
|---|---|
| מאָטל - | קאַטשקעס ווייס איך נישט, אָבער קראָקאָדרילן זייַנען זיכער דאָ. אַ סכּנה זייַנען זיי מיט אַרום זיבעציק ציין יעדער איינער. |
| רייזל - | זאָג מיר מאָטל: דו טראַכסט נאָר וועגן נומערן און ציפֿערן? |
| מאָטל - | ניין רייזעלע. איך טראַכט אַז אַ קראָקאָדריל וואָלט דיך געקענט בייַסן... און אַנשטאָט אַ קראָקאָדריל, וואָלט איך געוואָלט דיר אַ ביס געבן!!! |

## וואָקאַבולאַר
## Vocabulario

| ייִדיש | Fonética | Español |
|---|---|---|
| וואָס ווילסטו מיר | vos vilstu mir | ¿qué quieres que |
| זאָלן הייַנט טאָן ? | zoln haint ton ? | hagamos hoy ? |
| קינאָ | kino | cine |
| טעאַטער | teater | teatro |
| מוזיי | muzei | museo |
| אפשר | efsher | tal vez |
| זאָאָלאָגישער גאָרטן | zoologuisher gortn | parque zoológico |
| שוין אַ לאַנגע צייַט | shoin a langue tsait | hace mucho tiempo |
| וואָס איך בין דאָרט | vos ij bin dort | que no he |
| נישט געווען | nisht gueven | estado ahí |
| טאָ לאָמיר גיין | to lomir guein | pues vayamos |
| נאָך דעם | noj dem | después |
| חיות | jayes | animales |
| זעברע | zebre | cebra |
| זשיראַף | zshiraf | jirafa |